STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05759

GEZANG UN GEVEYN

A. Almi

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אַלמי

געזאַנג און געוויין

שרייבער־פאַרלאַג, ניו־יאָרק
מיניאַטור־ביבליאָטעק פאַר פּאָעזיע און פּראָזע
1943

A. ALMI

POEMS

הויפּט־פאַרקויף
MAX N. MAISEL
424 GRAND STREET
NEW YORK, N. Y.

Printed in U. S. A.

Posy-Shoulson Press, New York
255

ג ע ט אָ

לענג־אויס צעקרימטע געסלעך — די דיקע געטאָ־מויער.
דער ווינט רייסט בייז דעם שווערן, שוואַרצן שלאָס.
ס'איז מיטן נאַכט. ווער קלאַפּט? עס קלאַפּט אַ האַנט אין טויער:
„שטייט אויף, געפּייניקטע, שטייט אויף צו חצות!

„שטייט אויף צו קללה אויפן שונא און צו תפילה —
שטייט אויף און קלאָגט אַרויס פון זיך דעם צאָרן און דעם גיפט;
זעט: אויפגעוויקלט איז דער הימל־רוים ווי אַ מגילה
און ס'ברענט דורך פינצטערניש די שטערן־שריפט.

„די שריפט דערציילט, דערציילט — פּאַרצייטישע באַלאַדן —
צי הערט איר ניט די טריט די שווערע דורך דער געטאָ־צוים? —
חילות... מחנות... אַנטיוכוס... נבוזראדן...
טריאומף־געשריי פון פרס און פון רוים.

„די זעלבע שטערן האָבן דעמאָלט אויך פאַרשריבן
דעם אָנהייב און דעם סוף פון קריגער־מאַרש דורך שטאָט און פעלד;
פאַרטריבן זיינען די, וואָס האָבן אייך געטריבן
און איר — אין געטאָס — זיינט געוואָרן: וועלט.

„דער בלוטיקער גערמאַן — דער פּייניקער און צוימער —
אויך ער קאָן ניט פאַרצוימען מיט אַ וואַנט דעם אוניווערס;
זעט: ס'פאַלט אויף אים דער שאָטן פון דעם לעצטן רוימער,
די שאָטנס פון דעם יון און דעם פּערס.

„וואָס איז אַ מויער פאַרן פאָלק, וואָס האָט צעבראָכן
די צוימען אַלע צווישן מענטש און מענטש — און מענטש און גאָט;
צעטראָגן איבער גאָרער ערד גאָטס נאָמען און בטחון
און איינגעקריצט אין אייביקייט: אחד?!

„שטייט אויף צו חצות! געפּייניקט לייב און גלידער
און גאָט און שטערן זיינען אייבס אַצונד;
די נאַכט איז אַ שוואַרץ־טאָוולדיקער אַלטער סידור,
די גאַנצע וועלט — איין אויפגעיערטע וואונד.

„שטייט אויף צו חצות, איר שטאָלצע, גאָט־געקושטע שלעפער,
מיט געלער לאַטע און אַ האַרץ מיט בראַנד;
מיליאַנען ביי דער טעמזע, האָדסאָן, דניעסטער, דניעפּער
דערהייבן זיך צום רוף מיט אייך באַנאַנד.

„שטייט אויף, געפּייניקטע, צו קללה און צו תּפלה
און קלאַגט־אַרויס פון זיך דעם וויי און צאַרן פון מעת־לעת;
דער דהימל־דרום — אַן אויפגעוויקלטע מגילה —
די נאַכט איז גרייט פאַר חשבון און פאַר נס!"

שמע ישראל

די מיטן־נאַכט האָט פּלוצים אויפגעריסן מיט געשריי,
געשריי וואָס טראָגט אין זיך יאָרהונדערטער פון וויי — — — —
און פענצטער האָבן אויפגעפּראַלט זיך צו דער נאַכט,
קעפּ האָבן, פון אַ טיפן שלאָף דערוואַכט,
געזוכט דאָס קול אין פינצטערן אַרום,
וואָס איז געלעגן איינגעוויגט און שטום —
נאָר אין דער שטילקייט האָט זיך נאָך געהערט
ווי ס׳ציטערט דאָס געשריי און וויגט די ערד — — —
ש־מ־ע י־ש־ר־א־ל!

אַן אומרו האָט אין הערצער זיך צעשפּרייט
און פּחד האָט פון יעדן לייב געוויינט.
מיט יעדן נערוו און חוש האָט איטלעכער געהערט
ווי ס׳טרייסלט זיך דער אינגעווייד פון דר׳ערד
פון דורות־אַלטן ייִדישן געשריי:
שמע־ישראל! פאַרנעם, גאָט, אונדזער וויי!
און מאַן און ווייב און יונג און אַלט און קינד
געלאָזן האָבן זיך אין גאַס אַריין — און בלינד
געטאַפּט מיט לייב און פינגער דאָס געשריי:
ש־מ־ע י־ש־ר־א־ל

שמע ישראל — ס׳אייביקע געשריי,
וואָס רויטער איז פון בלוט און ווייסער פון דעם שניי,
גרינער פון דעם בוים און שוואַרצער פון דעם טויט,
טיפער פון דעם הונגער, שאַרפער פון דער נויט;
קעלטער פון דעם חלף, הייסער פון דעם בליץ —
געוויין, געזאַנג און צוויין־געקריץ.
דאָס קול פון מדבר און פון שייטער־פלאַם,
דאָס קול פון פאָלק, וואָס איז אי לייב, אי לאַם,
אַ היינט און נעכט, אַ שטאָלצער און פאַרשפּאַט.
צען טויזנט מאָל געטויט — און אייביק דאָך, ווי גאָט.

הענט האָבן זיך אין פינצטערניש געשטרעקט
און איינער האָט דעם אַנדערן געפרעגט
אויף יעדער שפּראַך פון וועלט און אויפן וואונק,
מיט אַ דערשראָקן אויג און אַ צעבערענטער צונג:
פון וואַנען קומט דאָס קול, וואָס בריט ווי פלאַם
און בלוטיקט ווי אַ וואונד און רוישט ווי ים?
צי קומט עס פון דער הויך, צי פון דער טיף?
פון אינדזול, צי פון זינקענדיקער שיף?
נאָר איינער האָט דעם צווייטן נישט געהערט,
געשניטן האָט דאָס קול, ווי שאַרף פון שווערד:
ש־מ־ע י־ש־ר־א־ל

שמע ישראל!
און אין אַ שטורעם איז צעוואַקסן דאָס געשריי —
מיליאָנען קולות אין איין קול פון וויי.
צווי טויזנט יאָרן האָבן מיטאַמאָל
צעשריגן זיך, באַהאַפטן אין איין קול
און מיטגעשריגן האָבן תהום און רוים,
די מויערן אין שטאָט און אין דעם וואַלד דער בוים,
די כוואַליעס אין דעם ים און ס'גראָז אין פעלד.
איין גרויס געשריי געוואָרן איז די גאַנצע וועלט:
ש־מ־ע י־ש־ר־א־ל

וואָס שפּילסטו זיך מיט אונדז, אָ, גאָט?

וואָס שפּילסטו זיך מיט אונדז, אָ, גאָט?
דאָס פייער, וואָס פאַרצערט אַ שטאָט,
דער פּולווער, וואָס צערייסט אַ לייב —
זיי זיינען דיין — דיין צייט־פאַרטרייב.

נישטאָ איז דאָך קיין אַנדער קוואַל
פון ליכט און פרייד, פון גיפט און גאַל,
פון ווילדן אויפברויז און פון רו
חוץ דיר, אָ, גאָט — דען אַלץ איז דו.

יאָ, אַלץ איז דו און דו ביסט אַלץ:
דער בוים, דאָס גראָז, דאָס ברויט, דאָס זאַלץ
און אויך דער חלף אויפן האַלדז
און ס׳חיהשע געברום דעם וואַלדס.

דיין חכמה שרייט פון פּוליעמאָט,
פון יעדער שרויף, פון יעדן ראָד,
פון יעדער באָמבע, יעדער קנויט,
וואָס שפּרייט פאַרוויסטעניש און טויט.

אין סוויסטשען פון שראַפּנעל — דיין קול.
אויף בראָך און אומגליק — אַזאַ זול.
טיילסט־אויס יסורים מיט פולער האַנט
פאַר יעדן פאָלק, פאַר יעדן לאַנד.

מיך עקלט דער, וואָס ליגט אין שטויב
און שיקט דיר פאַר זיין צער אַ לויב,
אַ לויב פאַר בלוט, פאַר וויי און ווינט,
פאַר אַ געקוילעט ווייב און קינד.

אָ, איוב, שריי מיט אונדז ס׳געשריי
פון די יאָרהונדערטער מיט וויי!
שעלט גאָט און שטאַרב איצט נאָכאַמאָל
מיט אונדז באַנאַנד — אין יאָמערטאָל.

צי קאָן גאָט׳ס שטראָף זיין מער ווי טויט?
און טויט איז ביליקער פון ברויט.
דאָס לעבן ליגט פאַרהונגערט, מאַט
און בלויז דער טויט פרעסט צו דער זאַט.

פאַרשאַפט דיר דאָס הנאה, גאָט?
הער! פון דער ברענענדיקער שטאָט
קייכט ווילד אַ חוזקדיקע שטים:
„דאָס ברענט דער צלם-אלוהים!"

דער שטאָט־משוגענער

תקיעה, שברים... ווער בלאָזט שופר — תרועה, שברים —
אין מיטן נאַכט דאָ, אויפן געטאָ־מויער?
איך, דער שטאָט־משוגענער, שאַל איבער קברים
דעם שופר־גדול פון דעם לעצטן טרויער!

איר זענט מיר נאָכגעלאָפן אין די גאַסן,
געחוזקט און געשלעפּט מיך ביי די פּאָלעס —
און ניט געוואוסט, אַז איך, דער שטאָט־משוגענער,
בין גאָט — דער גאָט פון אומגליק און פון גלות.

אַ גאָט אין שמאַטעס, מיט אַ געלער לאַטע
און מיט אַ מגן־דוד אויפן אָרעם —
דער גאָט פון חורבות און פון שייטערהויפנס,
דער גאָט פון הונגער, טיפוס און פון קברים!

אַלע שטעט און לענדער זיינען מיינע, מיינע,
אַלע טייכן, אַלע בערג און אַלע ימען;
פרעגט ביי דער לבנה אויבן, ביי די שטערן,
פרעגט אברהמען און רחלען — אונדזער מאַמען.

שטייט־אויף איר הונגעריקע, קראַנקע, וויסטע,
אַרויס קומט פון די חושכדיקע תפיסה־שטיבער;
געהאַנגענע, אַראָפּ פון אַלע תליות,
קומט גוססדיקע — אין דעם טיפוס־פיבער!

געשאָכטענע, פאַרגוואַלטיקטע — איר אַלע,
איר, מאַנצבילן, ווייבער, אייניקלעך און זיידעס —
קומט אַלע איצט אַרויס אין גאַס, אין חושך,
און זייט אויף אַלע דורות — מיינע עדות!

זייט עדות פון מיין גבורה און מיין בשורה!
הערט! תקיעה, שברים, תרועה, שברים, שברים!
דאָס רוף איך יענעם אויבן, יענעם ווייטן,
וואָס האָט פאַר אייך נאָר אומגליק, צער און קברים.

הפקר, ווי דער ווינט, האָט ער אייך דאָ געלאָזן,
אוי, הפקר פאַר די רוצחים, פאַר די שענדער —
דער האַקנקרייצלער האָט געשפּרייט אַ קבר
פאַר אונדזער אומה איבער צוואַנציק לענדער.

און דו — וואו ביסטו איצט, אל מלא רחמים?
אל מלא רחמים — שטיינער מוזן לאַכן!
נישטאָ קיין רחמים און ניטאָ קיין חסד —
בלויז האָס און בראָך און פלוך אויף אַלע שליאַכן!

בלויז האָס און בראָך — און איך, דער שטאָט־משוגענער,
בין גאָט, דער מלך פון מלכים;
דיין טראָן איז מיינער פון איצט אָן אויף אייביק
און מיר געהערן אַלע תפילות, אַלע שבחים!

האזינו השמים, הערט, איר הימלען,
פאַרנעם, דו ערד, מיין אויסגעשריי אַצונדער —
אני — דער גאָט פון אומזין און פון חורבן —
וועל פון דער געטאָ־מויער פליִצן וואונדער.

זעט, זעט, זיי קומען־אָן פון אַלע זייטן,
פון שטיבער און פון גריבער און פון פלאַמען!
איבער זיי — אַ פייערדיקער מגן־דוד.
אונטער זיי — צעשפּאַלטן זיך די רויטע ימען.

כ׳שפּרייט מיינע הענט אויס איבער קעפּ מיליאָנען —
און בענטש אין נאַכט און טויט די שוואַרצע עדה —
ס׳רייסט הבלס גסיסה־קול אַדורך דאָס שווייגן
און ס׳הילט אונדז איין דער פלאַם פון דער עקדה.

האָפּ־האָפּ — קומט טאַנצן, לאָמיר אַלע טאַנצן —
אָט־אַזוי — דורך פייער און דורך פלאַמען טאַנצן —
די לבנה אין דער מיטן — דרייט זיך, דרייט זיך,
ראָד און רעדער — פלינקער, פייערדיקע קראַנצן!

יתגדל ויתקדש... תקיעה, שברים — — — — —
דהעי, גיכער, העכער, שנעלער, פרייער, פרייער!
אַלע זיינען מיר איין פלאַם — די וועלט צו צינדן,
פאַרברענט זאָל ווערן וועלט אין אונדזער פייער!

ג ע ל ע ל אַ ט ע

פּאַמעלעך לעשט זיך אויס די זון אין געלן גאָלד.
די פעלדער זויגן לעצטע שטראַלן — זאַטע;
לעצט ליכט... לעצט גאָלד... די זון אין מערב־האָריזאָנט —
אַ געלע לאַטע.

די נאַכט קומט אָן מיט שטילע, טרויעריקע טריט.
לבנה שאַרט זיך, ווי פאַרשעמט, אַ מאַטע;
לבנה געל... לבנה איבער גראָער וועלט —
אַ געלע לאַטע.

צום הימל האַלט אַזוי געווענדט דיין שטאָלצן בליק
און מיט דיין בליק קריץ־אויס אין בלאָ די דאַטע:
יאָר ניינצן־פערציק — צייט פון ראַדיאָ, עראָפּלאַן
און געלער לאַטע.

די צייט פון האַקנקרייץ. די וועלט — אַ תפיסה־צעל.
ווער יאָמערט אַזוי עלנט הינטער גראַטע?
דאָס יאָמערט גאָט און פון זיין קלייד, ווי שכינה, שיינט —
אַ געלע לאַטע.

איוב...

דורות לעשן זיך, ווי שטערן
און צינדן זיך שוין מער נישט אָן;
מיט קינס צייכן אויפן שטערן
זיצט אל־שדי אויפן טראָן.

איוב שטייט פאַר אים אַ שטאָלצער
און מאָנט חשבון, ווי אַ האַר —
פאַר דורות טרויער, טויט און אומגליק,
פאַר יאָרהונדערטער פון צער.

איוב הייבט אַ פויסט: „באַשעפער,
אין בלוט פון דורות זינקט דיין טראָן;
פאַר אַלע דורות מאָן איך חשבון,
פאַר שרעק און טויט קלאָג איך דיך אָן!"

שטערן לעשן זיך, ווי דורות.
שטאָק־פינצטערניש. געוויין. קאָשמאַר.
גאָט שטייגט אַראָפּ פון טראָן און בוקט זיך
פאַר איובן, זיין שטאָלצן האַר.

באַהעפטונג

צי וויל דאָס גרעזל זיין אַ וואַלד?
איך וויל זיין — מיליאָנען;
איך וויל מען זאָל אין מיין געשטאַלט
מיין אייביק פֿאָלק דערקאָנען.

ווער ווייס, צי איינזאַם איז אַ גראָז
צווישן אַלע גראָזן;
נאָר איך בין איינזאַם ווי אַ האָז
אין נאָרע וואו, פֿאַרלאָזן.

איך האָב געוואָלט אין זיך אַליין
די גאַנצע וועלט באַהאַלטן;
געזען בלויז אייגענעם געביין
אין אַלערליי געשטאַלטן.

נאָר ווען אומגליקן און צער
באַלאַגערן מיין טויער —
שטיי איך אַ הילפֿלאָזער, אַ נאַר,
אָן טרייסטונג אין מיין טרויער.

שווער צו זיין איין גראָז אין פֿעלד,
איין בוים, אָן ברידער־ביימער;
און שווערער נאָך — אַ מענטש אָן וועלט,
אַ ווייטער, אַ געהיימער...

כ׳וויל באַהעפטן זיך מיט מער,
מיט פֿאָלק אין אומגליק קלאָגן;
און נאָך מיין טויט זאָל ווייגען ווער
און קדיש נאָך מיר זאָגן.

טראָפּנס זון...

ס'איז טאָג נאָך, נאָר כ'שפּיר דורך פענצטער שוין דעם אָוונט.
לבנה גנבעט זיך אַרײַן זונס רשות אַריין;
און ס'וויגט זיך מיין געמיט איצט, ווי אַ קינד אין וויגל,
צווישן ליכט און פינצטער, צווישן זיין־ניט־זיין.

ס'ווערט טונקעלער אַלץ. מיין קאָפּ אויף ראַנד פון פענצטער
זעט זון איצט ווי אַ רויטע, בלוטנדיקע וואונד;
פון ביכער־שאַפע קומט אַ קול: אחרימון
און אהוראַ־מאַזדאַ ראַנגלען זיך אַצונד.

אויף מיין דרימלדיקן קאָפּ איצט טריפן, טריפן
די לעצטע טראָפּנס זון, ווי הייסע טראָפּנס בלוט;
איך הער מיט אַלע חושים ווי גאַטאַמאַ בודאַ
און דער שפּאַלער זיידע פירן אַ דיספּוט.

דער שפּאָלער זיידע שמייכלט ליב: „אונדז האָט געלערנט
ישראל דער בעל־שם, אַז אַלץ איז לויטער פרייד;
די פרייד, דער קוואַל, וואָס טרינקט־אָן אַלע וואָרצלען
פון בוים און מענטש, פון גראָז און פון רייד".

זאָגט בודאַ שטיל: „ס'איז אַלצדינג לויטער דימיון,
די זון, די שטערן און דעם הימלס פאַרב;
טו־אויס זיך פון די ערדישע הנאות,
באַהעפט זיך מיט דעם גרויסן גאַרנישט — שטאַרב!"

כ'הייב־אויף דעם קאָפּ. די שטוב איז פול מיט חלום.
איך לויף אַרויס צו שטערן און לאַמטערן־שיין;
און ס'דאַכט מיר: יעדער מענטש איז אַ בעל־שם־טוב,
נאָר איך, ווי בודאַ, וואָגל אין ניט־זיין...

פּראָצעסיע

פּאַנען פלאַטערן, פּאַנען —
פּאַנען פון אַלע פּאַרבן;
אַ שיף קומט־אָן אין האַפן,
איר פאָן — אַ טויטער שאַרבן.

מחנות מאַרשירן, מחנות —
טריט ווייִנען, מאָנען, בעטן;
פאַראויס דריי פּייקלערס ציען,
דריי פּייקלערס — דריי סקעלעטן.

די פּויקן — פּויקן, פּויקן,
די מחנות שפּאַנען, שפּאַנען;
בום־בום — פון וואו? פון וועמען?
בום־בום — וואוהין? ביז וואַנען?

לעפצן ציטערן, לעפצן,
אין שטומקייט קעפּ געבויגן;
נאָר בּאַראַבּאַנען רוישן,
נאָר לידער אין די אויגן.

פּאַנען פלאַטערן, פּאַנען —
פּאַנען פון אַלע פּאַרבן;
די זון פאַרגייט. די מחנות
מאַרשירן ערגעץ — שטאַרבן.

צווישן מיליאָנען...

ווי וואויל איז דעם, וואָס ווי אַ וואַסער־טראָפּן,
וואָס לעזט זיך אויף אין ווירבלדיקע שטראָמען,
לעזט ער זיך אויף אין צער פון די מיליאָנען,
אין פרייד פון רוישנדיקע, פלאַטערדיקע פאָנען.

געבענטשט איז דער ביי מערב־וואַנט, ביים כותל,
וואָס וויינט מיט דורות, אין די אייביקייטן —
אַ טרער אין דעם געוויין פון פאָלק אין טרויער,
אַ זעמדל אויפן מדבר־וועג — צום גאולה־טויער.

נאָר איך — אַ פרעמדער ביי די שוועלן פון דורות,
פאַרשעמט ביי אַלע ווענט און אַלע טייכן;
אַ טויב און איינזאַמע — דאָס איז מיין נאָמען,
מיט ליפּן שטום, ווען די מיליאָנען זאָגן: אָמן.

און בין איך מער ווי מילב דען צווישן מילבן,
צי בין איך מער ווי זילב דען צווישן זילבן?
אַ וואַסער־טראָפּן צווישן וואַסער־טראָפּנס —
נאָר ס'קריגן זיך די שטיינער מיר צוקאָפּנס.

ס'וויל קיינער פון די שטיינער מיך נישט האָבן — — —
און גערן וואָלט איך דאָ אַריינגעגראָבן
דעם מידן קאָפּ אין זאַמד — און ערד געוואָרן,
אַ נערונג אפשר פאַר אַ יתומדיקן דאָרן...

יעקב גייט

ויצא יעקב — יעקב גייט,
ווערט אויף וועגן אַזאַ פרייד.
אַזאַ פרייד, אַזאַ געזאַנג —
אין זיין גאַנג.

פון באר־שבע ביזקל דחרן
בלאָזט דער ווינט, ווי אין אַ האָרן:
מאַכט אַ וואָרע, זייט געגרייט —
יעקב גייט!

בייגןביימער איין די צווייגן
מיט די טייטלען, ניס און פייגן —
כיבוד פיינעם, ווי עס פּאַסט
אַזאַ גאַסט.

זינגען זאַנגען אים אַ זמר.
קינדער, רינדער, עופות, לעמער
הוליען — טוליען זיך מיט פרייד
צו זיין קלייד.

קוועלן קוואַלן, לאַכן זאַכן —
שטויבן, דרויבן אויף די שליאַכן.
און ס'באַגלייט דעם פּאַסטוכס פּלייט:
יעקב גייט!

אַלע זיינען מיר פּאָעטן...

מען קאָן זיין אַ קינסטלער־גדול
מיט דער דראַטווע, מיט דער נאָדל,
מיטן האַמער, מיט דער זאָכע —
אויב מען טוט נאָר מיט אַ ברכה,
אויב מיט ליבע און מיט פרייד
ווערט געאַקערט, צי גענייט.

קונסט איז דאָ אין שיינעם רעקל,
אין דעם גוטן שוסטערס פלעקל,
אין דעם קנעפּל־מאַכערס קנעפּלעך
און אין זעצערס שיינע „קעפּלעך״,
און אין פויערס זעי און שניט —
אַלץ איז דיכטונג, אַלץ איז ליד!

מע דאַרף זיין געבענטשט מיט מוזע
צוצושניידן שיין אַ בלוזע,
אויסצוקנעטן שיין אַ קיכל,
אויסצוהעפטן שיין אַ טיכל,
אויסצוצאַצקען אַ פריזור —
ליד פון חלום און נאַטור!

אַלע זיינען מיר פּאָעטן.
לידער — אָדעס און סאָנעטן —
זיינען דאָ נישט נאָר אין ביכער —
אויך אין מופּטעס און אין טיכער,
אויך אין טיש, אין לאָמפּ, אין שראַנק —
אַלץ געזאַנג איז און געדאַנק.

קוועלט דערפאַר אַמאָל אַ היטל,
קנייטשט זיך לירישֿ־ווייך אַ קיטל,
זינגט אַ קלייד אַראָפּ פון גלידער,
און אַ מענטש — אַ זאַמלונג לידער —
שפּאַנט פאַרטראַכט, פאַרטיפט אין זיך,
און עס וויינען זיינע שיך.

דער איינזאַמער

דער איינזאַמער ליגט טויט אין הויז
און ס'ווייס דערפון דאָס מייזל בלויז,
וואָס שפּרינגט אַרום, אַריין, אַרויס.

ס'קלינגט־אָן אין טיר דער פּאָטשטאַליאָן.
אַ בריוו פון אויסלאַנד! — זאָגט ער אָן.
ס'צעפּילדערט זיך דער טעלעפאָן.

און באַלד איז ווידער שטיל אין הויז.
דאָס גראָע, פלינקע מייזל בלויז
צעשטערט די טויטע רו אין הויז.

ברידער

אין איטלעכן איינעם פון אונדז,
אין אונדזער געביין, אין די גלידער —
גערשנגל פון פיינטל־עכע ברידער.

אין שטילקייט פון תאווהשער נאַכט
צערייסט אונדז דאָס בלוטיקע שרייען,
דער יאָמער פון הבל און קין.

ס׳צעטרייסלט אונדז עשוס געברום
און יעקבס פרום־האַרציקע תפילה —
קול צדיק און קול פון גאָרילע.

מיר זיינען אויך יוסף אַמאָל
און זיינע פאַרקויפער, די ברידער —
דערפאַר וויינען אונדזערע גלידער.

מיטנאַכט

אין מיטן נאַכט איז איטלעכער אַן אַנדערער,
אַ בעסערער, אַ שענערער;
אין פינצטערניש, ווי אַ פאַרלאָזטער וואַנדערער,
דערפילסטו זיך אַ קלענערער.

אין מיטן נאַכט איז יעדער אַ פאַרלוירענער,
אַן איינזאַמער, צעפייניקטער;
ווי אויפגעלעזט אין נאַכט, אַ ניט־געבוירענער,
און דאָך מיט אַלץ פאַראייניקטער.

אין מיטן נאַכט, אין פינצטערניש געפּענטעטער,
שטיל גייט דאָס האַרץ אויס בעטנדיק;
צום טויט מיט אַלע חושים אַ דערנענטערער,
דו הערסט די דורות טרעטנדיק.

לויה

איך גיי נאָך מיין אייגענער לויה
און לופטיק און ווינטיק־גרינג איז מיין שפּאַן;
מיטן ניגון פון אָמר־אַבייא
וויינט אַן אומבאַקאַנטער מאַן.

די גאַסן, ווי וואָלקנס רויך און נעפּל,
גיסן זיך צונויף מיט הימלשן סטעפּ;
די זון — אַ גרויסער, גאָלדענער עפּל —
וויגט זיך, וויגט זיך איבער קעפּ.

קעפּ צינדן זיך אָן אין לעצטן פלאַקער,
פעלד לויפט אַנטקעגן, געשאָכטן, רויט;
אין וויטן וואו — אַ מאַן מיט אַן אַקער
פאַרפלאַנצט קערנער — פרישן טויט.

מויערן לעשן זיך אויס, ווי ליכטער
און ס׳פאַרלעשט זיך אויך דאָס פרעמדע געוויין;
אין רויך צערינען טריט און געזיכטער
און לופטיק שפּאַן איך אַליין.

ב ר י ו ו

די לופט אין צימער ווערט דינער,
די נאַכט איז שווער און טיף;
איך זיץ ביי דער לאָמפּ און לייען
אַלטע, צעקנייטשטע בריוו.

די שטוב ווערט פול מיט געשטאַלטן,
אַ קול אַ ווייטער רופט;
איך פּיל ווי הינטער די פּלייצעס
אָטעמט ווער קאַלטע לופט.

די לאָמפּ פאַרלעשט זיך. און פינצטער
ווערט אין מיר און אין הויז;
און אויגן, ווי פייער־פליגן,
לייכטן־אויף — לעשן זיך אויס.

ביים שכן זינגט איצט אַ מיידל
אַ לבנה־מאָטיוו;
איך שרייב ביים שיין פון לבנה
אַן ענטפער אויף אַלטע בריוו.

אומעטום

מגדל דוד, כינעזישע מויער —
אומעטום דערזעלבער טרויער.

פירענייען, הרי יהודה —
אומעטום אַ לעצטע סעודה.

ביי ירדן, דניעפּר, דאַנוי, טיבער
טראָגט זיך אונדזער קלאָג בציבור.

טויט־גרימאַסע אין יעדן שפּיגל.
בלוט פון קינדער אין יעדן ציגל.

אַ קרבן ברענט אין יעדן פייער.
אויף יעדן בוים הענגט אַ באַפרייער.

אויסגעטראַכט...

אין חלום אַ פאַרטראַכטער,
ווי ס׳קינד אין מוטערס טראַכט —
זיץ איך, אַן אויסגעטראַכטער,
אין תפיסה פון דער נאַכט.

פון וועמען אַ באַוואַכטער,
ווי האָז און גראָז אין פעלד —
טראַכט איך, דער אויסגעטראַכטער,
אין אויסגעטראַכטער וועלט.

אַ חלום — שטערן, הימל —
אויף איינגעוויגטער שטאָט;
שטיל חלומט אין זיין דרימל
דער אויסגעטראַכטער גאָט.

מלחמה...

אויף יענער זייט ים איז דער קריג.
אויף יענער זייט ים שרייט דער האַס.
און איך ליג אין שטוב דאָ און ליג
און האָרך צו דעם רויש פון דער גאַס.

איך האָרך צו דעם רויש פון דער גאַס
און איך שפּיר מיטן בלוט און געביין;
אין מיר איז דער קריג און דער האַס,
אין מיר איז דאָס חורבן־געוויין.

אין מיר איז דאָס חורבן־געוויין,
אין מיר טריאומפירט דער טויט.
מיין שונא — דאָס בין איך אַליין
און צעשמעטער, וואָס איך האָב געבויט.

איך צעשמעטער, וואָס איך האָב געבויט
און קוועל פון מיין אייגענעם שפּאָט;
איך ווייס, אַז ס'איז עמיצער טויט,
נאָר כ'ווייס נישט, צי איך, אָדער גאָט.

צו דער טויב...

ביי מילב און מוראַשקע בין איך אַ גאָט —
לעבן און טויט איז פאַר זיי אין מיין טראָט.

אַ גאָט בין איך אויך פאַר שוואַלב און פאַר טויב —
זיי בעטן אויף ברעקעלעך ברויט ביי מיין שויב.

און ווער — און וואָס — בין איך אין שטאָלענער שטאָט?
אַ וואָרעם צופוסנס מאַשינען, אַ קראַנקט.

אַ שטומער, אַן האָפנונג, אָן תפילה, אָן לויב —
הייב איך מיט קנאה מיין בליק צו דער טויב.

ביכער

מיין שטוב איז איבערפולט מיט נאַכט און שטילקייט,
פון וואַנט צו וואַנט, פון סטעליע ביזן דיל;
נאָר ווערטער רייסן זיך צו מיר פון שאַפעס ביכער
און פאַלן אויף דער ערד, דערשטיקט און שטיל.

איך שפּאַר זיך מיט מיין גוף דורך נאַכט און שטילקייט,
פאַרעקשנט און פאַרצווייפלט — טריט נאָך טריט;
און רעד זיך איין געדאַנק דורך מיט די ביכער —
מיט דורות רייד באַהעפט זיך מיין געמיט.

רייד רייסן זיך אַרויס פון תפיסה־טאָוולען —
אַ שאָרך... אַ שטילער מורמל פון אַ בלאַט;
קאָנפוציוס וויל מיר, דאַכט זיך, עפּעס זאָגן
און ס'האָט זיך עפּעס־וואָס דערמאָנט סאָקראַט.

איך הער זיך איין מיט אַלע אברים, נערוון:
שפּינאָזאַ שושקעט עפּעס צום רמב"ם — — —
נאָר... ווערטער פאַלן טויט אין נאַכט און שטילקייט,
ווי שמעטערלינגלעך אינעם ליכט פון פלאַם.

איך טרעט אויף טויטע ווערטער פון די דורות,
געפאַנגען אין דעם שווייגן — שעה נאָך שעה;
אַזוי פיל שיינע רייד, אַזוי פיל חכמה,
אַ בוך אויף בוך — און ס'איז קיין פרייד נישטאָ!

אין אַ לבנה־נאַכט

דער האָן קרייט צו דער זון אַרויף באַגינען,
צו דער לבנה בילט באַנאַכט דער הונט;
און איך — איך וויל אַ נייעם גראַם געפינען
צו אַן אַלטער וואונד.

אין פענצטער די לבנה — אַזאַ פולע —
וואַרפט ווייסע, קאַלטע פאַסן אויף מיין פערז;
אין פרינסטאָן זוכט איצט איינשטיין אַ פאָרמולע
פאַרן אוניווערז.

מיין צימער ווערט אַ חלום. ס׳בליצט אַ חלף.
דער לעצטער קריי פון האָן פאַרבט רויט מיין שלאָף.
כ׳הער, איינשטיין וויינט: איך האַלט נאָך אַלץ ביי אלף
און דער האָן — ביים סוף.

אמר יוחנן הסנדלר

א.

דער עיקר

אמר יוחנן הסנדלר,
זאָגט רב יוחנן דער שוסטער:
די תורה אַן יידן,
איז ווי אַ שוך אָן אַ מוסטער.

אַ ייד אָן דער תורה,
איז אַ באָרוועסער קריכער,
וואָס צעבלוטיקט די פיס זיך
און זיין גאַנג איז ניט זיכער.

רב יוחנן לאַסטשעט
מיט ליבע די לעדער — —
ויאמר: שיך און שטיוול
גייט אָנגעטאָן יעדער.

אָבער נישט דער שטיוול,
נישט דער שוך איז דער עיקר:
דער עיקר דער גאַנג איז —
צי אַ גלייכער, צי שיכור.

און נישט אַזוי דווקא
דער גאַנג — ווי דער אופן:
טייל פיס טרעטן לאַנגזאַם
און אַנדערע לויפן.

ויאמר... דעריבער
טו איך אייך דאָ זאָגן:
ווער ס׳שפּאַנט און ווער ס׳איילט זיך,
וועט אַלצאיינס נישט דעריאָגן.

ניִשט שפּאַנען, ניִשט איילן,
ניִשט וואַקלען זיך שיכור:
דער עיקר — דאָס וויסן,
דער ציל איז דער עיקר.

ניִשט דער שטיוול איז שולדיק,
אויב דער וועג איז אַ שלעכטער,
נאָר דער פוס — און דער שכל,
וואָס דאַרף זיין זיין וועכטער.

ניִשט די תורה איז שולדיק
אין דעם שלעכטס דעם געדיכטן —
נאָר דער מענטש, וואָס ער וויס ניִשט
זיין וועג ווי צו ריכטן.

ב.

שטיוול

אמר יוחנן הסנדלר,
זאָגט רב יוחנן דער שוסטער:
דער בעסטער און דער שענסטער שטיוול
איז אָן אַ פוס — אַ פוסטער.

דער שטיוול, ווי דאָס איז ידוע,
איז פאַרן פוס געגעבן;
דער פוס ערשט גיט דעם שטיוול
פלאַטער, דופק, לעבן.

אונדזער וועלט איז אַזאַ שטיוול.
וואָס וואָלט וועלט געווען אָן מענטשן,
וואָס זאָלן דעם באַשעפערס וואונדער
באַוואונדערן און בענטשן?

ג.

אַ זמר

אַזוי ווי כביכול
אויף זיין שטול —
אַזוי איז דער שוסטער
ביים קאַפּול.

שטיק לעדער אָן פאַרעם,
אָן געשטאַלט — —
תוהו־ובוהו — —
אָבער — באַלד —

דער שוסטער, דער מייסטער,
פלינקע האַנט — —
די לעדער קריגט פאַרעם,
קריגט פאַרשטאַנד.

די אָל און די דראַטווע
און געדאַנק —
באַגלייט פון שוסטערלס
פרייד־געזאַנג.

העמערל, העמערל
פלאַטערט, ברענט — —
אַ שיכל, אַ ברכה
וואַקסט פון הענט.

אַ שיכל, אַ תפילה,
טריט און טראַט — —
אַ זמר צו מענטשן
און צו גאָט.

ד.

חכמה

קוק זיך גוט אַרום בן־אדם,
צו דער ערד און צו דעם הימל;
וויפל חכמה, וויפל שיינקייט
איז פאַראַן אין קלענסטן בלימל.

וויפל חכמה, וויפל שיינקייט
אין דעם שטיינדל און אין גרעזל;
אין דעם וואַסער־טראָפּ, אין פויגל,
אין דעם קראָליק און אין העזל.

ס׳קלענסטע איז ביים בורא־עולם
אַזוי חשוב ווי דאָס גרעסטע;
ס׳נידעריקסטע, ווי דאָס העכסטע,
דאָס געמיינסטע, ווי דאָס בעסטע.

ווי ביים מענטשן איז גלייך חשוב
יעדעס גליד זיינס, אַלע גלידער;
ווי אַלע אותיות און ווערטער
זיינען הייליק גלייך אין סידור.

וואָרן אַלץ איז איין האַרמאָניע,
אַלץ פאַרוועבט איז אין גאָטס מוסטער — — — —
אַזוי זאָגט אני הקטן,
איך, רב יוחנן דער שוסטער.

ה.

שלמות

זוך נישט שלמות — נישט אין שלמות,
נאָר אין ווייטער, העכער שטרעבן,
אין דעם ווילן צו גרייכן שלמות
איז דער תכלית פון דעם לעבן.

לערן, מענטש, דערפון אַ מוסר:
וואָס דו זאָלסט אַזוינס נישט טוען —
טו מיט חשק און מיט שכל,
וועט אויף דיר גאָטס חסד רוען.

איז באַשערט דיר זיין אַ שוסטער,
צי אַ בלעכער צי אַ פּויער;
רב, צי וועבער, שמיד, צי בעקער,
צי אַ שומר פאַרן טויער —

טו מיט ליבע דיין מלאכה,
לייג דערין אַריין דיין רצון —
און גאָטס חכמה און זיין ברכה
וועלן פון דיין אַרבעט שפּראָצן.

יעדע אַרבעט גרויסט גאָטס נאָמען,
יעדע מי באַשיינט גאָטס מוסטער — — — —
אַזוי זאָגט אני הקטן,
אייער יוחנן דער שוסטער.

ו.
תורה

יעדן שבת — וואָך־איין און וואָך־אויס —
קאָפּ אויף קאָפּ אין דער שוסטערשער קלויז.
נישט נאָר שוסטערס — אויך טעפּערס און שמידן
און סתם באַלעבאַטישע יידן,
אויך רב פּתחיה — אַ נגיד אַ יוסטער —
אַלץ קומט הערן רב יוחנן שוסטער.
און ס׳קוועלן
די שוסטער־געזעלן
ביים פענצטער, ביים טיר, אויף די טרעפּ:
„ס׳קלאַפּט אַ שוסטער אַריין אין די קעפּ
גאָטס תורה, גאָטס הייליקע שריפט —
אַ שטיפט נאָך אַ שטיפט״...

ז.
לויב צו גאָט

אַ דאַנק דיר, גאָט, וואָס איך בין דאָ,
וואָס דו האָסט אין דיין גנאָד באַשערט,
אַז איך זאָל זיין אַ לעבנס־טראָפּ
דאָ, אויף דיין וואונדערלעכער ערד.

אַ דאַנק דיר, גאָט, וואָס כ׳בין אַ מענטש
און נישט קיין חיה, נישט קיין פלאַנץ —
און כ׳קאָן דיך דינען מיט פאַרשטאַנד
און מיטן האַרץ — אין גלויבן גאַנץ.

אַ דאַנק דיר, גאָט, וואָס כ׳בין אַ ייד
און נישט קיין הייד, וואָס דינט צום געץ —
און כ׳האָב דעם זכות צו טראָגן שטאָלץ
דיין סיני־וואָרט און דיין געזעץ.

אַ דאַנק דיר, גאָט, וואָס ס׳איז מיין שפּייז
אויף אַ מלאכה אָנפאַרטרויט —
און כ׳דאַרף נישט פון דיין תורה־קוואַל
פאַרדינען זיך מיין טעגלעך ברויט.

ח.
באהבה

דער ייד, וואָס איז צו גאָט מתפלל
אויס מורא פאַר אַ בייזן גזר,
ווי דער, וואָס זינגט צום בורא הלל,
דערוואַרטנדיק דערפאַר אַ שכר —

דער איז אין האַרץ אַ געצנדינער,
אַ הייד, וואָס קען נישט גאָטס געשטאַלט —
זיין תפילה איז נישט מער, נישט מינער
ווי ס'וואַיען פון דעם וואָלף אין וואַלד.

בלויז דער, וואָס פילט אין זיינע ביינער
אַ נאָ'נט באַהעפטעניש מיט גאָט —
האָט אין געדאַנק — אַ לויטער־ריינער —
דערגרייכט די טיפן פון אחד.

אַזוינער בלויז דינט גאָט באהבה,
ווי ס'דינט אונדז גאָט אין יעדער שעה,
זינט ערשטע טעג פון אָדם־חוה,
זינט ערד איז שוואַרץ און הימל בלאָ.

דען ס'דינט אונדז גאָט מיט זון און רעגן,
מיט ברויט, מיט גרינסן און מיט פרוכט,
מיט אַ פאַרשטאַנד צו טראַכטן, פרעגן
און מיט אַ גייסט, וואָס פאָרשט און זוכט.

באַפרייט דעריבער ס'האַרץ פון שרעקן,
ווי פון דער גלוסטעניש נאָך שכר —
ס'וועט דאַמאָלט זיך אין אייך אַנטפּלעקן
דער פולער זין פון פרייד און צער.

ט.

בראשית

בראשית ברא אלוהים.
אומעטום כביכולס שטים.
תוהו הערט זיך צו צו אים.

אַט איז גאַלער נישט — נישטאָ.
מיטאַמאָל — אַ וועלט איז דאָ —
אין אַ מזלדיקער שעה.

ערד און הימל, בלאָער דאַך.
שטערן, שטערן — אַזאַ סך,
ווי די אותיות אין תנ״ך.

אָדם — איינס און חוה — צוויי.
ערשטער האָן גיט ערשטן קריי.
ערשטע הון לייגט ס׳ערשטע איי.

אַט אַ באַרג און באַלד אַ טייך,
הויך און נידער, קרום און גלייך,
ווי אין אונדז, אין מיר, אין אייך.

ס׳ערשטע פעלד האָט זיך צעבליט.
זון האָט קוים זיך ערשט צעגליט —
און אָט וואַגלט שוין אַ ייד.

ערשטע זינד און ערשטע שטראָף
און אַז גאָט זעט־איין: כי־טוב —
וועט אַלץ גוט זיין — סוף־כל־סוף.

י.

תהילים

למנצח מזמור שיר,
מזמור שיר לדוד —
אַזוי שיין געזונגען
האָט אונדזער מלך דוד
און ביזן כסא הכבוד
גרייכט דודס מזמור שיר
און ביז דער מינדסטער טיר
פון מינדסטן קבצנס הויז,
ביז וואַרשטאַט און ביז קלויז,
ביז שומר אויפן באַרג,
ביז קרעמער אויפן מאַרק — — —
און אַלע זאָגן תהילים
מיטן מלך דוד —
פאַר כביכולס כבוד,
פאַרן מענטשנס כבוד — — —
מזמור שיר לדוד —
אַלע יידנס תהילים,
אַלע מענטשנס תהילים,
אַלע וועלטנס תהילים — — —
תהילים — אַ געזאַנג,
תהילים — אַ געדאַנק,
תהילים — אַ געוויין,
פון יעדן חוש און ביין.
תהילים — רוף און שבח
פון איינעם און אַ סך,
פון אַלע און אַליין —
און זיבן טויזנט חן
האָט אונדזער זיסער תהילים —
לאָמיר זאָגן תהילים,
מזמור שיר לדוד,
מזמור, מזמור שיר —
וואויל איז אייך און מיר!

יא.
צלם אלוהים

זיצט יוחנן הסנדלרביים קאפול,
ווערט ס'הויז מיט האַמער־קלעפּ און תורה פול.
אַ שווינג דעם האַמער און צום ווייב אַזוי:
ווי ס'לעכצט דער מאַנסביל נאָך דער פרוי
און ווי די פרוי לעכצט נאָכן מאַן —
אַזוי לעכצן אַלע זאַכן, וואָס פאַראַן,
נאָך דעם באַריר פון מענטשנס הענט,
נאָכן אָטעם זיינעם, נאָך זיין שטים
און דורך דעם מענטש — צום סנה, וואָס ברענט,
צו חלק צלם־אלוהים.

ווייל אַלץ וויל האָבן אַ געשטאַלט —
דער שטיין, דאָס שטאָל, דער וועג אין וואַלד,
די לעדער, ס'אייזן און דאָס ברעט.
פון אַלצדינג טראָגט זיך אַ געבעט:
בן־אָדם, גיב אונדז פאָרעם, גיב אונדז תוך,
לייז אונדז אויס פון טויטן יאָך.
ליבערשט זיין אַ פליג, אַ מילב,
אָדער אין אַ ליד אַ זילב,
איידער זיין אַ באַרג, פאַרגליווערט, שטום
אין דער לעבעדיקער וועלט אַרום.

און דערפאַר
ציט יעדע זאַך מיט גלוסטעניש און צער
צום מענטש, צו זיין באַריר און שטים,
זיך צו מזווג זיין מיט אים,
כדי דורך אים געפינען תיקון דאָ
כאָטש אויף חיי־שעה.

דעריבער לאָסטשע איך די לעדער,
קלאַפּ־אויס אַ שיכעלע — אַ מוסטער —
און זאָג תורה — ס'זאָל געניסן יעדער,
ווי איך, רב יוחנן דער שוסטער.

יב.

קלאַפּ העמערל

קלאַפּ העמערל, קלאַפּ —
קלאַפּ־אויס דאָס געזאַנג
צום שעפער פון אַלץ
און צו זיין געשאַנק.

קלאַפּ העמערל, קלאַפּ —
קלאַפּ־אויס דאָס געבעט
פאַר אָרעמעלייט
אין דערפער, אין שטעט.

קלאַפּ העמערל, קלאַפּ —
קלאַפּ־אויס דאָס געוויין
פון אַלץ, וואָס איז שטום
פון גראָז און פון שטיין.

קלאַפּ העמערל, קלאַפּ —
קלאַפּ־אויס דאָס געזאַנג
צום גואל — אַז גרינג
זאָל זיין אים זיין גאַנג.

יג.

הייליק

אַלע טעג זיינען הייליק,
יעדער טאָג האָט אַ חלק
אין מי פון יצירה.
אַלע טעג זינגען שירה —
דורך אַרבעט, דורך מי —
צום בוראס יהי.

יעדע שירה איז הייליק.
אינעם כאָר האָט אַ חלק
דער סטאָליער, דער בויער,
דער שוסטער, דער פויער,
דער טעפּער, דער שמיד —
אַזאַ וואונדערלעך ליד.

אַלע טעג זיינען הייליק.
יעדער טאָג האָט אַ חלק
אין שבת, די כלה,
אין טאָג איבער אַלע,
וואָס ברענגט אונדז די רו
פון גאָט ברוך־הוא.

ווי וואויל איז אונדז, יידן,
בני־תורה און שמידן
און שוסטערס און וועבערס
און טעפּערס און גרעבערס,
וואָס אונדז איז באַשערט
גאָטס שבת אויף דר׳ערד.

יד.

ניט קיין חילוק

נישט קיין נידער, נישט קיין העכער,
ס׳איז דער ווײַן און נישט דער בעכער.
נישט קיין חילוק: אונטן, אויבן,
אויב אין האָרץ איז גאָט און גלויבן.

אַלע שטאָקן אין אַ בנין,
אַלע יידן אין אַ מנין,
אַלע פונקען אין אַ פייער
זיינען נייטיק גלײַך און טייער.

ס׳נעמט מיליאַרדן זאַמדן, שטויבן,
אַז אַ באַרג זאָל זיך דערהויבן.
זעמדלעך אויבן, זעמדלעך אונטן,
אינדערמיט און אין די גרונטן.

קאָן אַ זעמדעלע פון אויבן
זיך נישט יחוסן און לויבן:
„איך בין פון די העכסטע שטאַמען!"
וואָרן באַרג איז — אַלץ צוזאַמען.

טו.

סוד און דרוש

יעדער פויער איז אַ למדן
אין דער ערד, אין אירע זאַמדן,
ווי ס׳איז דער בן־תורה — אויבן.
ביידע זיינען גלייך דערהויבן.

ס׳איז די ערד דעם פויערס ספר
און ער ווייס: ס׳איז אָפר... עפר.
מענטשנס מי און בוראס רצון
מאַכן שורות תבואה שפּראָצן.

אלה תולדות ווייץ און קאָרן,
ציבעלקעס און קאַליפיאָרן:
זאָמענדלעך און זון און רעגן —
מזל־טוב אויף אַלע וועגן.

ציען זיך די שורות זאַנגען,
פול מיט חכמה, פול מיט קלאַנגען,
מיט געווירציקע פירושים,
וואָס פאַרשיכורן די חושים.

סוד און דרוש אין יעדן בלעטל,
וואו אַ סוגיא, וואו אַ פשטל —
אין די בעבלעך, אין די שויטן,
אין די מערן, אין די קרויטן.

און דער פויער — אַזאַ למדן —
לערנט תורה אין די זאַמדן:
ספר ערד, מסכתא זאָמען,
פרק היי — ונאמר אָמן.

טז.

יידיש גרינס

לייגט דער פויער זיך אַנידער,
אויסצורוען זיינע גלידער,
צווישן גאָרבן, צווישן סטויגן —
מיט פאַרמאַכטע אויגן.

זעט ער: ס'איז די גאַנצע סביבה
אַ גרינגראָזיקע ישיבה.
ס'שאָקלען פרום זיך גרינסן, בלעטלעך
איבער טיפע פשטלעך.

הערט ער ווי רב פּאַסטערנאַקל
דרשנט: ס'איז די ערד סך־הכל.
און רב ריבל פון בית רעטאַך
לערנט: אַלץ איז שטח.

תּנו בוריקלעך און קרייטער:
אַלץ איז עתיד, אַלץ איז ווייטער.
שנאמר: לך־לך — געגאַנגען,
ווי דער ווינט דורך זאַנגען.

דבקהעט זיך רב אַרבעס־שויטל:
ערד איז שאָלעכץ בלויז, אַ הייטל.
ס'אַרבעסל, דעם תּוך דערינען,
דאַרף מען צו געפינען.

קוועלט דאָס פּויערל צופרידן,
וואָס אפילו גרינס ביי יידן,
שאר־ירקותן און בשמים
רעדן ווי חכמים.

יז.

עַל הניסים

על הנסים — יעדע רגע,
יעדער פוס־טריט איז אַ נס ;
נס פון פיר און צוואַנציק שעהען
דער מעת־לעת.

נס אין יעדן שלאָג פון דופק,
נס אין גרין, אין בלאָ, אין גינגאָלד
נס איז גרין, אין בלאָ, אין גינגאָלד
און אין שוואַרץ.

נס אין וואָרט און נס אין שווייגן,
נס אין וואַסער און אין פלאַם ;
נס איז סוד און נס איז נגלה,
תוך און שטאַם.

נסים אויבן, נסים אונטן,
אין געטראַנק, אין ביסן ברויט ;
נס אין בליען, אין געבוירן
און אין טויט.

נס — דאָס וואונדער, וואָס נאַטירלעך,
נס — נאַטירלעך, וואָס איז סוד ;
נס איז איינסקייט פון יצירה,
מענטש און גאָט.

על הנסים — פון די נסים,
וואָס מיר זעען אין מעת־לעת —
איז דער גרעסטער נס : דאָס וויסן,
אַז ס׳איז נס...

יח.

ווערטער

ווערטער זיינען קליידער,
פאַרביקע מלבושים —
פאַרן ציטער־פלאַטער
פון די חושים.

העמדער, שיך און מאַנטלען,
אַלע מינים מאָדעס —
פאַר געפיל און שכל
און אגדה׳ס . . .

מעסט־אָן דיינע ווערטער,
ווי די קליידער דיינע —
פּאַסן זאָל דיין זאָגן
און דיין טענה.

טו דעריבער, מענטש, זיך
אָט אַזאַ מין נדר:
האַלטן ריין די ווערטער,
ווי די קליידער.

האַלטן ריין די קליידער,
ווי דיין לייב און גלידער;
און זאָל דיין נשמה
זיין אַ סידור.

ווערטער אינעם סידור,
תפילות אין די ווערטער;
שטיי פאַר גאָט אַ ריינער,
גאָטס באַשערטער!